בחצרות סאטמאר
צענטער פאר אלע נייעס, בילדער און מודעות בחצרות סאטמאר די בכל אתר ואתר



# באריכט:

## בקודש פנימה

דעם פארגאנגענעם זונטאג אווענט העעל"ט איז בביתו נאוה קודש פון מרן רבינו שליט"א פאהרגעקומען דער ווארט-תנאים פון המחותנים מוה"ר יעקב קעלנער הי"ו פון קרית יואל - אבי החתן און הרה"ח מוה"ר דוד כהן ע"ה פון קרית יואל - אבי הכלה ווי דער רבי שליט"א האט געליינט דעם תנאים.

מאנטאג נאכט איז פאהרגעקומען דער ווארט-תנאים פון המחותנים מוה"ר שמואל לייבוש וויינבערגער הי"ו פון קרית יואל, חבר הנהלת הישיבה גדולה – שיעור ד' - אבי החתן און מוה"ר עקיבא געשטעטנער הי"ו פון קרית יואל - אבי הכלה ווי דער רבי שליט"א האט געליינט דעם תנאים.

היינט אידנערפרי האט מרן רבינו שליט"א געדאווענט שחרית אין ישיבה גדולה – שיעור ב' ווי דער רבי שליט"א האט געלייגט תפילין פאר הב' חתן הבר מצוה בן מוה"ר דוד שלמה בערגער הי"ו פון בארא פארק. נאכ'ן דאווענען האט דער רבי שליט"א געזאגט א שיעור בספר תהלים פאר די בחורים.

## מעמד כתיבת האותיות אין די ספר תורה שע"י קהילתינו הק' אין וויליאמסבורג

### אין שטוב פון הגה"צ אבד"ק ור"מ דקהילתינו שליט"א אין וויליאמסבורג

שטייענדיג בלויז איין וואך איידער דעם גרויסארטיגן מעמד הכנסת ספר תורה וואס וועט פארקומען דעם קומענדיגן מוצש"ק פ' תולדות, ווען מען וועט בעז"ה מחנך זיין די נייע ספר תורה המהודרת וואס איז געשריבן געווארן דורך די טויזנטער חברי ק"ק יטב לב ד'סאטמאר אין וויליאמסבורג לע"נ מרן הק' בעל ברך משה מסאטמאר זי"ע, וועט בעז"ה מארגן דאנערשטאג פארקומען דער מעמד כתיבת האותיות וואו עס וועט געגעבן ווערן די געלעגנהייט פאר אלע חברי הקהילה אריינצושרייבן אן אות אין דעם ספר תורה.

דער מעמד כתיבת האותיות וועט פארקומען אין שטוב פון הגה"צ אב"ד ור"מ דקהילתינו שליט"א פון וויליאמסבורג, וועלכער איז במשך די לעצטערע יארן געשטאנען בראש פון דעם הייליגן אונטערנעמונג אכטונג צו געבן אז די נייע ספר תורה ווערט געשריבן

מיט די גרעסטע הידורים וחומרות, און האט במשך די גאנצע צייט כסדר מעורר און מעודד געווען דעם ציבור אנשי שלומינו זיך אנצושליסן אין דעם שותפות פון די ספר תורה וועלכע איז געשריבן געווארן באחדות דורך אלע חברי הקהילה אינאיינעם.

בשעת דעם מעמד כתיבת האותיות וועט מען זיך קענען איינהאנדלען די לעצט פארבליבענע זכותים אין די ספר תורה, זכות שותף פאר $100, זכות עמוד פאר $360, זכות חצי פרשה פאר $600, זכות פרשה $1200, זכות פרשה מיוחדת $1800. מען קען איבערגעבן די נדבות פאר די חברי ועד כתיבת ספר תורה, הרה"ח ר' דוד שמעון פראמאוויטש הי"ו - גבאי ביהמ"ד הגדול, הרה"ח ר' משה יודא גאלדבערגער הי"ו, הרה"ח ר' אברהם יושע ווייס הי"ו, מו"ה יושע זאב מיטעלמאן הי"ו, ווי אויך צום גזבר הקהילה הרה"ח ר' שלום אליעזר פראנקעל הי"ו.

***- משה אמת ותורתו אמת -***

דער אימעיל פונעם מערכת פאר קאמענטארן, נייעסן, בילדער,
און וויאזוי אויך ארויפצוגיין אויף אונזער רשימה איז:
BechatsrosSatmar@Gmail.com

ארויפצוגיין אויף אונזער ליסטע, אדער אראפצוגיין
מוז ארייגעשיקט ווערן א אימעיל אדרעס מיט א נאמען
פונעם ערהאלטער פון יענער אדרעס און שטאט ווי מען וואוינט.